בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת שופטים
ז' אלול
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 37
(89)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְּרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.

## דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

הָאט אִים דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיפְרֶעגְט. מִיט וָואס אִיז זַיין גְבוּרָה פוּן דֶעם גִבּוֹר. וָואס עֶר אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ הַיינְט. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר אֵיין מְדִינָה הָאט זִיךְ נִיט גִיוָואלְט מַכְנִיעַ זַיין אוּנְטֶער אִים. הָאט דֶער גִבּוֹר גִינוּמֶען זַיין שְׁוֶוערְד וָואס עֶר הָאט אוּן דִי שְׁוֶוערְד הָאט דְרַיי כּוֹחוֹת. אַז מֶע הֵייבְּט זִי אוֹיף אַנְטְלוֹיפִין אַלֶע שָׂרִים פוּן דִי חַיָּילוֹת (דְהַיְינוּ אַלֶע עֶלְצְטֶע) וְכוּ' (אוּן הָאט אוֹיסְגִירֶעכִינְט דִי דְרַיי כּוֹחוֹת וָואס אוֹיבִין אִיז גִישְׁטַאנֶען. וָואס פוּן דָארְט הָאט דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ גִינוּמֶען גְבוּרָה כַּנַ"ל) וִוי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט דָאס דֶערְהֶערְט. הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁטוּיסִין אַז דָאס אִיז בְּוַודַאי דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַ"ל. הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיבֶּעטִין. אוֹיבּ סֶע אִיז מִיגְלִיךְ אַז עֶר זָאל זִיךְ זֶעהֶן מִיט דֶעם גִבּוֹר וָואס עֶר אִיז בַּיי זֵיי מֶלֶךְ. הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. מֶע מוּז מֶעלְדִיוֶוען פַאר אִים אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען. אוּן מֶע הָאט גִימֶעלְדִיוֶועט. הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז עֶר זָאל אַרַיין קוּמֶען. אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אַרַיין גִיקוּמֶען צוּ דֶעם גִבּוֹר וִוי עֶר אִיז צוּ אִים אַרַיין גִיקוּמֶען. הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שִׂמְחוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין זוֹכֶה גִיוֶוען צוּם אוֹיף קוּמֶען זִיךְ אִין אֵיינֶעם. אוּן סֶע גִיוֶוען צְווִישְׁן זֵיי שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיּוֹת (פְרֵייד אוּן גִיוֵויין) וָוארִין זֵיי הָאבִּין זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דֶעם מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט. הָאבִּין זֵיי דְרוֹיף גִיוֵויינְט. אִיבֶּער דֶעם אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיּוֹת. הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִבּוֹר אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁמוּסִין. וִוירִימֶער זֵיי זֶענֶען אַהֶער אָנְגִיקוּמֶען. הָאט דֶער גִבּוֹר דֶערְצֵיילְט פַאר דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז דֶעמוּלְט. אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶוען. וָואס דֶעמוּלְט זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּשְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין. וִוי עֶר אִיז צוּרִיק גִיקוּמֶען פוּן דָארְט וִוי עֶר אִיז גִיוֶוען מְחַדֵּשׁ זַיין זַיין כֹּחַ. אוּן הָאט נִישְׁט גִיפוּנֶען דֶעם מֶלֶךְ מִיט אַלֶע זַיינֶע לַייט כַּנַ"ל. הָאט עֶר זִיךְ דֶעמוּלְט גִילָאזְט גֵיין וִוי הִין עֶר וֶועט גֵיין. אוּן עֶר אִיז אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער זֵיי אַלֶע. דְהַיְינוּ עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז גִיוֶוען אוֹיף דֶעם אָרְט וִוי דֶער מֶלֶךְ אִיז אוּן וִוי דִי אַלֶע לַייט זַיינֶע זֶענֶען. דְהַיְינוּ עֶר אִיז גִיוֶוען אוֹיף אֵיין אָרְט הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען. אַז דָארְט אִין דֶעם אָרְט אִיז בְּוַודַאי דֶער מֶלֶךְ דָא. נָאר עֶר הָאט אִים נִיט גִיקָאנְט זוּכִין אוּן גִיפִינֶען. אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אוֹיף אֵיין אָרְט. הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָארְט אִיז בְּוַודַאי דִי מַלְכָּה נָאר עֶר הָאט זִי נִיט גִיקָאנְט זוּכִין אוּן גִיפִינֶען אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער דִי אַלֶע לַייט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. נָאר דִיךְ בִּין אִיךְ נִיט אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען. (הַיְינוּ דֶער גִבּוֹר וָואס דֶערְצֵיילְט דָאס הָאט גִיזָאגְט צוּם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז אִיבֶּער אַלֶע עֶרְטֶער פוּן אַלֶע לַייט אִיז עֶר אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען. נָאר אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אִיז נִיט אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען) עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיךְ בִּין אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער אַלֶע עֶרְטֶער פוּן זֵיי אַלֶע. אוּן אִיבֶּער דַיין אָרְט אוֹיךְ. וָוארִין אִיךְ בִּין גִיגַאנְגֶען אוֹיף אֵיין אָרְט. הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהֶן שְׁטֵיין דִי קְרוֹין פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען. אַז דָא אִיז בְּוַודַאי דֶער מֶלֶךְ. נָאר אִיךְ הָאבּ אִים נִיט גִיקָאנְט זוּכִין אוּן גִיפִינֶען. אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. בִּין אִיךְ פִיר גִיגַאנְגֶען פַאר אַ יַם פוּן בְּלוּט. הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער יַם אִיז בְּוַודַאי גִיוָוארִין פוּן דִי טְרֶערִין פוּן דֶער מַלְכָּה. וָואס זִי וֵויינְט אוֹיף דֶעם אַלִימֶען. אוּן דִי מַלְכָּה אִיז בְּוַודַאי דָא. נָאר אִיךְ הָאבּ זִי נִיט גִיקָאנְט זוּכִין אוּן גִיפִינֶען. אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ פִיר גִיגַאנְגֶען פַאר אַ יַם פוּן מִילֶעךְ. הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען. אַז דֶער יַם אִיז בְּוַודַאי גֶוָוארִין פוּן דֶער מִילֶעךְ פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה וָואס אִיר קִינְד אִיז פַארְפַאלִין גִיוָוארִין. הָאט זִי גִישְׁפַּארְט דִי מִילֶעךְ אוּן דֶערְפוּן אִיז גִיוָוארִין דֶער יַם פוּן מִילֶעךְ. אִיז דִי בַּת מַלְכָּה בְּוַודַאי דָא. נָאר אִיךְ הָאבּ זִי נִיט גִיקָאנְט זוּכִין אוּן גִיפִינֶען. אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן. סֶע זֶענֶען גִילֶעגִין דִי גִילְדֶענֶע הָאר פוּן דֶעם קִינְד. אוּן אִיךְ הָאבּ פוּן זֵיי גָאר נִיט גִינוּמֶען. אוּן אִיךְ הָאבּ גְווּאוּסְט אַז דָא אִיז בְּוַודַאי דָאס קִינְד נָאר סֶע נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען אִים צוּ זוּכִין אוּן צוּ גִיפִינֶען. אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. בִּין אִיךְ פִיר גִיגַאנְגֶען פַאר אַ יַם פוּן וַויין. הָאבּ אִיךְ גְווּאוּסְט אַז דֶער יַם אִיז בְּוַודַאי גִיוָוארִין פוּן דִי רֵייד פוּן דֶעם מֵלִיץ. וָואס עֶר שְׁטֵייט אוּן רֶעט תַּנְחוּמִין (דְהַיְינוּ טְרֵייסְט) פַאר דֶעם מֶלֶךְ אוּן דִי מַלְכָּה. אוּן דֶערְנָאךְ קֶערְט עֶר אוּם דָאס פָּנִים אוּן רֶעט תַּנְחוּמִין צוּ דֶער בַּת מַלְכָּה. אוּן פוּן דִי רֵייד אִיז גִיוָוארִין דֶער יַם פוּן וַויין. נָאר אִיךְ הָאבּ אִים נִיט גִיקָאנְט גִיפִינֶען. אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן סֶע שְׁטֵייט אַ שְׁטֵיין וָואס אוֹיף אִים אִיז אוֹיס גִיקְרִיצְט אַזוֹי וִוי דִי יַד מִיט דִי שִׁירְטוּטִין (דְהַיְינוּ אַזוֹי וִוי דִי יַד מִיט אַלֶע קְרִיצִין וְכוּ' וָואס סֶע גִיוֶוען בַּאם מֶלֶךְ כַּנַ"ל) הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא אִיז בְּוַודַאי דֶער חָכָם (פוּן דֶעם מֶלֶךְ) אוּן דֶער חָכָם הָאט זִיךְ דָאס אוֹיסְגִיקְרִיצְט

דָאס גִישְׁטַאלְט פוּן דֶער יַד אוֹיף דֶעם שְׁטֵיין. נָאר סֶע נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען אִים צוּ גִיפִינֶען. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. בִּין אִיךְ גִיגַאנְגֶען. הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן וִוי סֶע אִיז גִיוֶוען אוֹיסְגִישְׁטֶעלְט אוֹיף אַ בַּארְג דִי גִילְדִינֶע טִישְׁלִיךְ אוּן דִי קְרִידֶענְצִין אוּן דִי אִיבְּרִיקֶע אוֹצְרוֹת פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא אִיז בְּוַודַאי דֶער מְמוּנֶה עַל הָאוֹצְרוֹת פוּן דֶעם מֶלֶךְ. (דְהַיְינוּ דֶער וָואס אִיז גִיזֶעצְט אִיבֶּער אַלֶע אוֹצְרוֹת) נָאר סֶע נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען אִים צוּ גִיפִינֶען (דָאס הָאט אַלֵיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה דֶערְצֵיילְט דֶעם גִבּוֹר) עֶנְטְפֶערְט דֶער גִבּוֹר. אִיךְ בִּין אוֹיךְ אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער דִי אַלֶע עֶרְטֶער. אוּן אִיךְ הָאבּ יוֹא גִינוּמֶען פוּן דִי גִילְדִינֶע הָאר פוּן דֶעם קִינְד. וָוארִין אִיךְ הָאבּ גִינוּמֶען זִיבִּין הָאר וָואס זֵיי הָאבִּין אַלִירְלֵיי פַארְבִּין. אוּן זֵיי זֶענֶען בַּיי מִיר זֵייעֶר טַייעֶר. אוּן אִיךְ בִּין גִיזֶעסִין אוּן הָאבּ מִיךְ מְחַיֶה גִיוֶוען מִיט וָואס מִיגְלִיךְ אִיז מִיט גְרָאז אוּן דֶעסְט גְלַייכִין בִּיז אִיךְ הָאבּ נִיט גִיהַאט קֵיין שׁוּם זַאךְ זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין. הָאבּ אִיךְ מִיךְ גִילָאזְט גֵיין וִוי הִין אִיךְ וֶועל גֵיין. אוּן אַז אִיךְ בִּין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם אָרְט. הָאבּ אִיךְ פַארְגֶעסִין מַיין בּוֹיגִין דָארְט. עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן דֶעם בּוֹיגִין. הָאבּ אִיךְ גִוואוּסְט אַז דָאס אִיז בְּוַודַאי דַיין בּוֹיגִין. נָאר אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גִיקֶענְט גִיפִינֶען. הָאט דֶער גִבּוֹר וַוייטֶער דֶער צֵיילְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז וִוי אִיךְ בִּין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם אָרְט. בִּין אִיךְ אַזוֹי גִיגַאנְגֶען בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאגֶעגִינְט דִי מַחֲנֶה הַנַ"ל (דְהַיְינוּ דִי שְׁאָר פוּן דִי גִבּוֹרִים בַּעֲלֵי אֵבָרִים הַנַ"ל) בִּין אִיךְ צְווִישְׁן זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען. וָוארִין אִיךְ בִּין זֵייעֶר הוּנְגֶערִיק גִיוֶוען. הָאבּ אִיךְ גִיוָואלְט עֶסִין. אוּן תֵּיכֶּף וִוי אִיךְ בִּין אַרַיין גִיקוּמֶען צְווִישְׁן זֵיי. הָאבִּין זֵיי מִיךְ תֵּיכֶּף אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ כַּנַ"ל. אוּן הַיְינְט גֵיי אִיךְ אָפְּנֶעמֶען דִי וֶועלְט. אוּן מַיין כַּוָונָה אִיז. טָאמֶער וֶועל אִיךְ קֶענֶען גִיפִינֶען דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט הַנַ"ל.

הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִיהוֹיבִּן צוּ שְׁמוּסִין מִיט דֶעם גִבּוֹר וָואס טוּט מֶען מִיט דִי לַייט. דְהַיְינוּ מִיט דֶער מְדִינָה. וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי אַרַיין גִיפַאלִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיקוּמֶען אוֹיף אַזוֹינֶע ווִילְדֶע נַארִישְׁקֵייט. אַז דִי וָואס הָאבִּין אַסַאךְ גֶעלְט זֶענֶען בַּיי זֵיי גָאטִין. אוּן אַזוֹי דִי אִיבְּרִיקֶע נַארִישְׁקֵייט וָואס דִי מְדִינָה הָאט. הָאט דֶער גִבּוֹר גִיעֶנְפֶערְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז עֶר הָאט גִיהֶערְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. אַז פוּן אַלֶע תַּאֲוֹות קָאן מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען. דֶעם וָואס עֶר אִיז אַרַיין גִיפַאלִין אִין זֵיי. נָאר דֶער וָואס עֶר אִיז אַרַיין גִיפַאלִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. קָאן מֶען אִים נִיט אַרוֹיס נֶעמֶען דֶערְפוּן בְּשׁוּם אוֹפֶן. בְּכֵן וֶועסְטוּ בַּיי זֵיי גָאר נִיט פוּעֶלִין. וָוארִין סֶע נִיט גִימָאלְט אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען זֵיי דֶערְפוּן נָאר דוּרְךְ דֶעם וֶועג וָואס סֶע פַארְהַאנְדִין צוּ דֶער שְׁוֶוערְד הַנַ"ל. וָואס פוּן דָארְט נֶעמְט עֶר זַיין גְבוּרָה כַּנַ"ל. נָאר דוּרְךְ דֶעם וֶועג קָאן מֶען יוֹא אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. דֶעם וָואס עֶר אִיז דְרִינֶען אַרַיין גִיפַאלִין. (אַזוֹי הָאט עֶר גִיהֶערְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ) אִיז דֶער גִבּוֹר מִיט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אַוֶועק גִיזֶעסְן אַ צַייט אִין אֵיינֶעם. אוּן מִכֹּחַ דֶער מְדִינָה הַנַ"ל וָואס זֵיי הָאבִּין עֶם גִיבֶּעטִין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אַז עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין צוּ דֶעם גִבּוֹר פוּן זֵייעֶרְט וֶועגִין. כַּנַ"ל. הָאבִּין זֵיי מַרְחִיב זְמַן גִיוֶוען. דְהַיְינוּ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט אַיינְגִיבֶּעטִין דֶעם גִבּוֹר אַז עֶר זָאל זֵיי גִיבִּין אַ צַייט (דְהַיְינוּ וָואס בִּיז אִין דֶער צַייט זָאל עֶר זֵיי גָאר נִיט טוּן) הָאט עֶר זֵיי גִיגִיבְּן פְרַיי אַ צַייט דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים צְווִישְׁן זִיךְ. דְהַיְינוּ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִבּוֹר הָאבִּין צְווִישְׁן זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים. כְּדֵי אֵיינֶער זָאל קֶענֶען הָאבִּין אַ יְדִיעָה פוּן דֶעם אַנְדֶערְן.

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים:**

דֶער בַּעַל תְּפִלָּה דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן זִיךְ נָאר פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט אָדֶער אַנְדֶערֶע נַארִישְׁקֵייטְן, פַארְקֶערְט, עֶס אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע כֹּחוֹת, אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן.

**פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן**

עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן אוּן זָאגְט אַרוֹיס אֵיין וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט פוּן דֶעם אַ מוֹרָא'דִיגֶע רַעַשׁ אוּן טוּמְל אִין הִימְל.

**אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ בֶּעטְן פַאר מִיר?**

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען נִישְׁט יֶעדֶער קֶען דַאוְוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טְרַאכְט: '**מַיין דַאוְוענֶען אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן**', דֶערְפַאר בֶּעטְן מֶענְטְשְׁן פוּן חֲבֵרִים: "**אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ דַאוְוענֶען פַאר מִיר?**" "**אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ בֶּעטְן פַאר מִיר?**" אָבֶּער בֶּאֱמֶת הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ יֶעדְנְ'ס תְּפִילוֹת.

**עֶר בֶּעט פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הָארְץ**

אִיךְ קֶען דִיר אִינְזִין הָאבְּן, אָבֶּער דוּ אַלֵיינְס קֶענְסְט זִיךְ דָאס בֶּעסְטֶע אִינְזִין הָאבְּן, דוּ אַלֵיינְס קֶענְסְט זִיךְ דָאס בֶּעסְטֶע אוֹיסְבֶּעטְן, וַוייל וֶוער עֶס אִיז אִינֶעם פְּרָאבְּלֶעם בֶּעט פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ, וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רַשִׁ"י בְּרֵאשִׁית כא, יז; בְּשֵׁם מֶדְרָשׁ בְּרֵאשִׁית רַבָּה נג, יד) אַז מֶען זֶעט בַּיי יִשְׁמָעֵאל, וֶוען זַיין מַאמֶע הָגָר הָאט אִים גֶעלֵייגְט אוּנְטֶערְן בּוֹים נָאכְדֶעם וָואס זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן צוּ זֶען וִוי אַזוֹי אִיר קִינְד גֵייט שְׁטַארְבְּן, זָאגְט דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית כא, יז): "**וַיִּשְׁמַע אֱלֹקִים אֶת קוֹל הַנַּעַר**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעהֶערְט דָאס גֶעוֵויין פוּן 'יִשְׁמָעֵאל', נִישְׁט דָאס גֶעוֵויין פוּן זַיין 'מַאמֶע', "**מִכָּאן שֶׁיָּפָה תְּפִלַּת הַחוֹלֶה מִתְּפִלַּת אֲחֵרִים עָלָיו, וְהִיא קוֹדֶמֶת לְהִתְקַבֵּל**", פוּן דָא זֶעט מֶען אַז דִי תְּפִילָה פוּנֶעם חוֹלֶה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, אוּן בֶּעט פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ.

**אֵיין עֵצָה - גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!**

דָאס אִיז שַׁיָּיךְ אִין יֶעדֶע פְּרָט וּפְרָט פוּן לֶעבְּן; צִי אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּטוּן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, אָדֶער וַוארְט עֶר אוֹיף קִינְדֶער, אָדֶער קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זַיין שְׁלוֹם בַּיִת, אִיז דָא אֵיין עֵצָה - גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! אַז אֵיינֶער זָאגְט: "**אִיךְ קֶען דִיר הֶעלְפְן, אִיךְ הָאבּ עֵצוֹת פַאר דִיר**", אִיז עֶר אַ לִיגְנֶער. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט חַזֶרְ'ן מִיט אוּנְז טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ: "**כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ פַארְלָאזְט זִיךְ**

**אויף איינעם - איז ער א גרויסער רחמנות!"** באלד ווען דו וועסט זען אז יענער קען דיר גארנישט העלפן, וועסטו ווערן אינגאנצן אנטוישט, איך האב געמיינט אז יענער וועט מיר העלפן, איך האב געמיינט אז יענער האט געלט פאר מיר, איך האב געמיינט אז יענער האט א שידוך פאר מיר, ביז דערוויילע קען ער מיר גארנישט העלפן.

**א פעטער אין אודעסא**

רבי נחמן טולטשינער זכרונו לברכה איז אמאל געווען זייער געדרוקט אין געלט, ער איז געווען דערפון זייער צעבראכן, האט ער געטראכט צו זיך 'איך האב דאך א פעטער אין אודעסא, וועל איך פארן צו אים בעטן ער זאל מיר העלפן אין מיין מצב', האט ער זיך ארויס געלאזט אויף די שווערע לאנגע וועג קיין אודעסא, נאך עטליכע וואכן איז ער אנגעקומען צום שטאט, איז ער צוגעפארן צו זיין פעטער'ס הויז, און געקלאפט אויפ'ן טיר, ווען דער פעטער איז געקומען צום טיר, האט ער קוים געעפנט א שפאלט און צוריק געגעבן 'עליכם השלום', ווען רבי נחמן האט געוואלט אנהייבן דערציילן פארוואס ער איז געקומען, רופט זיך דער פעטער אן: **"יעצט בין איך זייער פארנומען מיט מיינע זאכן, איך האב נישט קיין צייט פאר דיר, קום צוריק א צווייטע מאל"**, און ער מאכט צו דעם טיר! רבי נחמן איז געווארן זייער צעבראכן, ווייל ער האט זיך געשלעפט אהין פאר לאנגע וואכן מיט'ן פלאן אז דער פעטער וועט אים העלפן, ביז דערוויילע איז די גאנצע נסיעה געווען אומזיסט, און ער איז צוריק אהיים געפארן.

**אז מען האט נישט קיין פרנסה...**

ווען רבי נחמן איז אהיים געקומען איז ער גלייך געגאנגען צו זיין רבי, רבי נתן, און רבי נתן האט גלייך פארשטאנען וואס דא האט פאסירט, אז ער איז געפארן דעם לאנגן וועג צו זיין פעטער און למעשה האט ער דארט גארנישט פארדינט, רופט ער זיך אן צו אים: "נחמן, אז מען דארף פרנסה פארט מען צו א פעטער? אז מען דארף א ישועה פארט מען צו א פעטער?! אז מען האט נישט קיין פרנסה גייט מען אין בית המדרש און מען וויינט זיך אויס צום אייבערשטן!

**ענדערש גיי צום באשעפער**

גראדע פלעגט אים דער פעטער העלפן פון צייט צו צייט, אבער דא איז געשען א נס אז דער פעטער האט אים נישט געוואלט העלפן, אזוי איז ארויס געקומען די שיינע דיבורים פון רבי נתן, מיר זאלן אריין נעמען אין זיך אז מען קען נישט דעקן די באנק, אדער אז מען קען נישט דעקן די ליעס, גייט מען נישט צו א רייכער מענטש, מען טראכט נישט 'דער וועט מיר העלפן' און 'יענער וועט מיר העלפן' יענער וועט דיר נאר 'שלום' געבן מיט'ן שפיץ פינגער, ענדערש גיי צום באשעפער און פארלאז זיך אויף אים.

**געב זיך אן עצה...**

אמאל טראכט א בחור: '**ווער וועט מיר העלפן מיט א שידוך? ווער קען מיר העלפן?**' אנשטאט טראכטן פון מענטשן גיי צום אייבערשטן, זאג פאר'ן באשעפער: "**רבונו של עולם איך וויל חתונה האבן**". ווילאנג א מענטש רעדט זיך איין אז איינער וועט אים העלפן וועט ער זיכער נישט האבן קיין ישועה, ווייל דער אייבערשטער זאגט (כביכול), איך שטיי אין די זייט - געב זיך אן עצה... ערשט ווען א מענטש זאגט שוין 'איך קען טאקע נישט', ער פארלאזט זיך אינגאנצן אויפ'ן באשעפער, דעמאלט באקומט ער זיין ישועה; און די ערשטע ישועה איז טאקע דאס זעלבסט "**אז ער קומט צום אייבערשטן**", דאס איז דאך די גרעסטע געוואונס אז א מענטש איז זוכה צו געדענקן אז מען קען נאר בעטן פונעם אייבערשטן.

**און דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעלייגט:**

מען דארף אבער זייער אכטונג געבן בשעת מען בעט דעם אייבערשטן אז מען זאל נישט אריין פאלן אין קיין עצבות און מרה שחורה השם ישמרינו, ווייל אסאך מאל ווען א מענטש איז אין א צרה ווערט ער אזוי פארלוירן, עס דאכט זיך אים אז עס איז עק וועלט... און ער פאלט אריין אין א עצבות און מרה שחורה, דערפאר דארף מען אנהייבן מיט דאנק צום אייבערשטן, נאך פאר מען בעט דעם אייבערשטן, זאגן פאר'ן אייבערשטן: "**רבונו של עולם איך דאנק דיר און לויב דיר פאר מיין לעבן און אויף אלעס וואס דו געבסט מיר**", - דערנאך זאל מען אנהייבן בעטן - "**איך בעט דיר אז די זאך וואס איך גיי יעצט אריבער זאל זיין ברחמים, עס זאל ארויס קומען דערפון נאר גוטס**".

**נאכאלץ דאנקט ער מיר**

אז מען דאנקט דעם אייבערשטן עפענען זיך די הימלען און עס קומט אראפ גוטס פאר'ן מענטש. דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה זאגט: ווען דער אייבערשטער הערט ווי א מענטש דאנקט אים, זאגט דער אייבערשטער פאר די מלאכים: "**קוקט אן דעם מענטש, ער האט גארנישט, און נאכאלץ דאנקט ער מיר, וועל איך אים נאך צוגעבן נאך גוטע זאכן ער זאל מיר נאכמער דאנקען**", ווידער ווען איינער רעדט זיך אפ, ער באקלאגט זיך און קרעכצט, זאגט דער אייבערשטער: "**ער קרעכצט פאר גארנישט, איך וועל איך געבן יסורים און צרות ער זאל האבן אויף וואס צו קרעכצן**".

**עס איז דא פלאץ אין הארץ**

דאס איז א זאך וואס מען קען אויספירן טריט און שריט, צום ביישפיל, ווען מען גייט איינקויפן אין א געשעפט, זאל מען זיך באדאנקען פאר'ן בעל הבית, וועט מען זען אן אינטערעסאנטע זאך, פאר דעם מענטש וועט דער

בַּעַל הַבַּיִת אַלֶעס נָאכְגֶעבְּן; צוּם בַּיישְׁפִּיל, פַּאר אַנְדֶערֶע עֶפְּנְט מֶען נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי שְׁפֶּעט, פַּאר אַנְדֶערֶע גֶעבְּט מֶען נִישְׁט דִי זַאכְן, אָבֶּער פַּאר אִים עֶפְּנְט מֶען שְׁטֶענְדִיג אוֹיף אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַלֶעס, פַּארְוָואס? וַוייל עֶר פִּירְט זִיךְ אוֹיף נָארְמַאל, עֶר בַּאדַאנְקְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג; דָאס אִיז אוֹיךְ וִויכְטִיג צוּ וִויסְן פַּאר עֶלְטֶערְן מִיט קִינְדֶער, עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן שֵׂכֶל גֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג גוּטֶע וֶוערְטֶער פַּאר דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, מֶען זָאגְט: "**מַיין זוּן הָאט זַייעֶר הֲנָאָה פוּן דִיר**", "**יִישַׁר כֹּחַ פַּאר דַיין גֶעטְרַייעֶ אַרְבֶּעט וָואס דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין מַיין קִינְד**", אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ דָאס קִינְד קוּמְט יֶעדְן טָאג אַהֵיים אוּמְצוּפְרִידְן: "מַיין רֶבִּי הָאט דָאס גֶעטוּן אוּן יֶענְץ גֶעטוּן", זָאגְט מֶען פַאר'ן קִינְד: "**דוּ הָאסְט זַייעֶר אַ גוּטֶע רֶבִּי**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין דִי נַאטוּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט הַכָּרַת הַטּוֹב, עֶר אִיז דִיר מַכִּיר טוֹבָה, אִיז דָא פַּאר אִים פְּלַאץ אִין הַארְץ, אִים גֶעבְּט מֶען נָאךְ. אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אֱמֶת מֶעג מֶען אוֹיךְ זָאגְן אַז מֶען אִיז צוּפְרִידְן, וְוִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סה:): "**מוּתָּר לוֹ לְאָדָם לְשַׁנּוֹת בִּדְבַר הַשָּׁלוֹם**", אַ מֶענְטְשׁ מֶעג פַארֶענְדֶערְן מִיט זַיין רֶעדְן כְּדֵי עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען דֶערְפוּן שָׁלוֹם.

### בֶּאֱמֶת הָאבְּן זֵיי זִיךְ יָא לִיבּ

דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה, אַ טַאטֶע אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף זַיין זוּן אַ בָּחוּר וְכוּ', (דֶער בָּחוּר לֶערְנְט נִישְׁט דָא אִין יְשִׁיבָה), עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּ מִיר אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, הָאבּ אִיךְ בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים גֶעזָאגְט פַאר'ן טַאטֶע'ן אַז זַיין זוּן רֶעדְט פוּן אִים זַייעֶר שֵׁיין, עֶר הָאט אִים יָא לִיבּ וְכוּ'", אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז זַיין זוּן אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן עֶר לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, דֶערְנָאךְ וֶוען דֶער בָּחוּר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס זָאגְט מַיין טַאטֶע אוֹיף מִיר, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "**דַיין טַאטֶע הַאלְט זַייעֶר פוּן דִיר עוֹלָמוֹת וּמְלוֹאוֹ, דַיין טַאטֶע הַאלְט פוּן דִיר**", וַוייל אוֹיף צוּ מַאכְן שָׁלוֹם מֶעג מֶען זָאגְן לִיגְנְט. אוּן בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין לִיגְנְט וַוייל דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט דָאךְ (פֶּרֶק ב מֵהִלְכוֹת גֵּרוּשִׁין, הֲלָכָה כ) דֶער דִין אִיז - אִין גֶעווִיסֶע פֶעלֶער - אַז מֶען קֶען צְווִינְגֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּ גֶעבְּן אַ גֵט, אָבֶּער נָאכְן צְווִינְגֶען דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְן "**רוֹצֶה אֲנִי**", אִיךְ וִויל, אֵיי, עֶר וִויל דָאךְ נִישְׁט, עֶר זָאגְט עֶס נָאר וַוייל מֶען הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן? זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם, עֶכְט וִויל עֶר יָא, וַוייל יֶעדֶער אִיד וִויל טוּן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, נָאר זַיין יֵצֶר הָרָע וִויל נִישְׁט, שְׁלָאגְט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, קוּמְט אוֹיס אַז בֶּאֱמֶת הָאבְּן זֵיי זִיךְ יָא לִיבּ, עֶס אִיז נָאר פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, אִיז עֶס נִישְׁט קֵיין לִיגְנְט.

### וִויפִיל אוֹיגְן זֶענֶען יָא דָא?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג, אַבִּיסְל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע חֲסָדִים. אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט אַרַיין דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, עֶרְשְׁט וֶוען עֶס קוּמְט אַ צָרָה, דֶער דָאקְטֶער זָאגְט מֶען דַארְף אַרוֹיס נֶעמֶען אַן אוֹיג פוּן אַ קִינְד הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דֶעמָאלְט כַאפְּט מֶען 'אֵיין מִינוּט, וִויפִיל אוֹיגְן זֶענֶען יָא דָא אִין מַיין מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ צְווֵיי אוֹיגְן, מַיין וַוייבּ הָאט צְווֵיי אוֹיגְן, מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן צְווֵיי אוֹיגְן, מִיר זֶענֶען דָאךְ אַזוֹי רֵייךְ', אָדֶער, יֶעצְט הָאט פַּאסִירְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ רוּפְט מִיר פַּאר שַׁבָּת אַז זַיין קִינְד הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעשְׁנִיטְן אַ פִינְגֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, עֶר אִיז קוֹדֶם גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ דָאקְטֶער אַ שׁוּסְטֶער וָואס הָאט עֶס צוּגֶענֵייט, לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר נָאר עֶרְגֶער גֶעוָוארְן אוּן דִי דָאקְטוֹירִים קֶענֶען עֶס נִישְׁט צוּרִיק פַארְרֶעכְטְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעוָוארְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ אַז זֵייעֶר קִינְד פַארְלִירְט זַיין פִינְגֶער, וֶוען דָאס גֶעשֶׁעט הֵייבְּט מֶען אָן כַאפְּן 'אוֹי, אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַיינֶע פִינְגֶער, אוּן אוֹיף אַלֶע פִינְגֶער פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה, מִיר הָאבְּן דָאךְ אַזוֹיפִיל פִינְגֶער'.

### אָנְהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי טְרֶעף אִיךְ אוֹיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן, עֶר אִיז דֶערְשְׁרָאקְן אִיבֶּער אַ גֶעזוּנְט פֶעלֶער פוּן זַיין וַוייבּ, לֹא עָלֵינוּ, עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט שׁוֹין הַיינְט אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים, אוּן עֶר פְרֶעגְט מִיר: "וָואס נָאךְ זָאל אִיךְ טוּן?" זָאג אִיךְ אִים: "הֶער שׁוֹין אוֹיף צוּ וויינֶען, עֶס אִיז דִיר בַּייגֶעפַאלְן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!" אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ טְרוֹיעֶר אוּן פְרֶעגְט: "וָואס זָאל אִיךְ פַארְרֶעכְטְן? וָואס זָאל אִיךְ זִיךְ פַארְנֶעמֶען?" אֶפְשָׁר דַארְפְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן אוּן אָנְהוֹיבְּן אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִיר.

### דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

פַארְוָואס זָאל מֶען וַוארְטְן בִּיז מֶען כַאפְּט אַ פְּלִיק, אַן אוֹיג קוּמְט אַרָאפּ, אַ פִינְגֶער קוּמְט אַרָאפּ, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**שְׁכוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זֶע**", "**שְׁכוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט**", וְוִי מֶער מֶען דַאנְקְט אַלְץ מֶער יְשׁוּעוֹת וֶועט מֶען זֶען, אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט דַארְפְן אַז דֶער גִּבּוֹר זָאל אוּנְז דַארְפְן קוּמֶען אוֹיפְוֶועקְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: "**שַׁבַּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ**".